אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.




משפטים תשפ"ד •זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות• גליון 350

## אמרות שמשון

### דיינים זאלן זיין גאנץ אן קיין פעלער

**וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם** (כא, א), רש"י ערקלערט (ד"ה ואלה) פארוואס שטייט געשריבן 'פרשת דינים' (משפטים) נעבן 'פרשת מזבח' (ענדע פרשת יתרו), צו לאזן הערן אז מען זאל זעצן די דיינים (סנהדרין) נעבן די מזבח.

**מען** קען זאגן א טעם פארוואס דער אויבערשטער האט באפוילן מען זאל זעצן די סנהדרין נעבן די מזבח, און וואס איז די שייכות צווישן די סנהדרין און מזבח.

**עס** קומט צו מרמז זיין אזוי ווי די מזבח דארף ווערן געמאכט פון 'גאנצע שטיינער' (מען טאר עס נישט שניידן מיט אייזן), אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (סוף פרשת יתרו), **וְאִם מִזְבַּח אֲבָנִים תַּעֲשֶׂה לִּי לֹא תִבְנֶה אֶתְהֶן גָּזִית**, אזוי אויך שטייט אין פסוק (דברים כז, ו), **אֲבָנִים שְׁלֵמוֹת תִּבְנֶה אֶת מִזְבַּח ה' אֱלֹקֶיךָ** וגו'.

**דאס** זעלבע דארף זיין מיט סנהדרין וואס פסק'ענען שאלות פאר כלל ישראל, זיי דארפן זיין גאנץ מיט זייערע מעשים און מדות טובות, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (סנהדרין לו:), 'כשם שבית דין מנוקין בצדק, כך מנוקין מכל מום', אזוי ווי דער פסוק זאגט (שיר השירים ד, ז) **כֻּלָּךְ יָפָה רַעְיָתִי וּמוּם אֵין בָּךְ**, זיי דארפן זיין גאנץ אן קיין פעלער. ('זרע שמשון' אות א')

### תורה פארמערט אמת און שלום אויפן וועלט

**וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם** (כא, א), עס שטייט אין מדרש (שמות רבה ל, כג) משה רבינו האט איבערגעגעבן פאר כלל ישראל הלכות דינים און זיי געזאגט: "אויב וועלן ענק נישט מקיים זיין די הלכות דינים וואס דער אויבערשטער האט ענק געגעבן, וועט ער אוועקנעמען פון ענק די תורה, ווייל די תורה איז נאר געגעבן געווארן בתנאי מען וועט מקיים זיין די דינים", אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים צט, ד) **וְעֹז מֶלֶךְ מִשְׁפָּט אָהֵב**.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין, פארוואס עפעס וועט עס קומט צו די הלכות פון פסק'ענען דיני תורות זאגט משה רבינו אז אויב וועט מען עס נישט מקיים זיין וועט דער אויבערשטער צוריקנעמען די תורה, פארוואס איז דאס הארבער פון אלע אנדערע עבירות?

**מען** קען ענטפערן, דורכדעם וואס מען פסק'נט פאלש א דין תורה ווערט פארמערט שקר און מחלוקת אויפן וועלט, און די תורה איז פונקט דאס פארקערטע, די תורה איז אמת און עס ברענגט שלום אויפן וועלט. דעריבער טוט זיך תורה דערווייטערן פון שקר און מחלוקת און עס ווערט ח"ו אפגעטון פון כלל ישראל. ('זרע שמשון' אות ב')

### טון רצון ה' אן קיין חשבון צו באקומען שכר

**וַיֹּאמְרוּ כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע** (כד, ז), מען קען ערקלערן פארוואס האט כלל ישראל געזאגט 'נעשה' קודם 'נשמע'. ווי אזוי קען מען טון עפעס, איידער מען ווייסט וואס דאס איז?

**עס** שטייט אין חז"ל (ב"ק לח. עבו"ז ג. במדבר רבה יג, טז) א גוי וואס לערנט תורה באקומט שכר, אבער נישט אזוי ווי א 'מצווה ועושה' (עמיצער וואס איז מחויב דאס צו טון), נאר אזוי ווי א 'אינו מצווה ועושה' (עמיצער וואס איז נישט מחויב דאס צו טון און טוט עס נאכאלץ), וואס דאס איז א קלענערע שכר, (עיין תוס' עבו"ז שם, דגדול המצווה ועושה, מפני שהוא דואג תמיד לבטל יצרו ולקיים מצות בוראו).

**און** עס שטייט אין משנה (אבות פ"א משנה ג') 'אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס', מען זאל נישט דינען דעם אויבערשטן כדי צו באקומען שכר, נאר מען זאל בלויז אינזין האבן צו טון די רצון ה', וואס דאס איז העכערע און חשוב'ע עבודה.

**דערמיט** קען מען ערקלערן, אינ'אמת'ן וואלטן זיי צוערשט געדארפט הערן וואס דער אויבערשטער וועט זיין באפעלן, אבער זיי האבן קודם געזאגט 'נעשה', צו ווייזן אז זיי זענען גרייט צו טון אפילו איידער דער אויבערשטער וועט זיי באפעלן, און זיי וועלן זיין א 'אינו מצווה ועושה', וואס דאס איז ווייניגער שכר. ווייל זיי ווילן טון די רצון ה' אן קיין חשבון אז זיי וועלן באקומען שכר פאר דעם. ('זרע שמשון' אות י')

### צדיקים זענען העכער פון מלאכים

**וְאֶל אֲצִילֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁלַח יָדוֹ וַיֶּחֱזוּ אֶת הָאֱלֹקִים וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ** (כד, יא), די גרויסע פון כלל ישראל (נדב ואביהוא און די זקנים) האבן זיך ערלויבט צו קוקן אויפן אויבערשטן, און זיי זענען באשטראפט געווארן, (דער אויבערשטער האט נישט געוואלט צושטערן די שמחה, און האט זיי שפעטער באשטראפט ווען מען האט אויפגעשטעלט די משכן, מדרש).

**לכאורה** פארוואס האבן זיי געמיינט אז עס איז מותר, עס שטייט דאך אין פסוק (שמות לג, כ) **כִּי לֹא יִרְאַנִי הָאָדָם וָחָי**, אפילו מען איז א גרויסע צדיק טאר מען נישט קוקן אויפן אויבערשטן.

**מען** קען ערקלערן, וויבאלד מען איז געשטאנען נאך מתן תורה איידער מען האט געזינדיגט מיטן עגל, און כלל ישראל איז געווען אויף א מורא'דיגע מדריגה, זיי זענען געווען אזוי ווי מלאכים (עיין עבו"ז ה.). און זיי האבן געהאלטן אז נאר א מענטש טאר נישט קוקן אויפן שכינה, אבער פאר מלאכים איז מותר, ווייל זיי האבן געהאלטן אז מלאכים זענען גרעסער פון צדיקים. דעריבער, אפילו אויב איז פארהאן אן איסור פאר צדיקים, אבער פאר מלאכים איז מותר, און זיי זענען יעצט אויף די העכערע דרגה פון מלאכים.

**אבער** למעשה זעט מען אז עס איז נישט געווען ריכטיג און זיי זענען באשטראפט געווארן, וויבאלד צדיקים זענען העכער פון מלאכים, און אויב פאר צדיקים איז אסור צו קוקן אויף די שכינה, איז זיכער אויך אסור פאר מלאכים, און זיי וואלטן נישט געטארט מתיר זיין צו קוקן אויף די שכינה אפילו אויב זיי זענען אזוי ווי מלאכים. ('זרע שמשון' אות י"ב)

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה |
|---|---|---|---|---|
| דניאל אודי<br>בן רג'ינה מלכה<br>שיזכה לשפע ברכה והצלחה בכל העניינים ולהשלמת העסקאות בקרוב ממש | צבי יצחק דוב בן גיטל חיה<br>וזוג' מרים סאבל בת אסתר<br>ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר<br>שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל העניינים | רפאל דוד בן נעמי<br>שיקבל את רשיון העבודה ויזכה להצלחה גדולה בפרנסה ובריאות איתנה | יוסף בן לאה רחל<br>שהחברה שהוא מנהל יקבלו את האישורים הסופיים ויזכו הוא ושותפיו להצלחה וברכה | ברוך צבי ניסים<br>בן שושנה לאה<br>שהעסק החדש שלו יצליח וירוויח ויראה הצלחה וברכה בלי גבול ומדה בקרוב ממש |

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

**א גאר רירנדע און איינדרוקספולע בריוו וואס איז אנגעקומען צום טיש פונעם מערכת, ווי מרת ח. י. פון ברוקלין יצ"ו שילדערט אירע שווערע איבערלעבעניש וואס האט נאכגעפאלגט מיט א גרויסע ישועה וואס זי האט זוכה געווען בזכות רבינו בעל ה'זרע שמשון' זי"ע:**

## א אומגעריכטע שידוך (א')

**דער** זייגער ווייזט שוין אויף נאך איינ'ס אזייגער ביינאכט, איך זיצט יעצט ביי מיר אין שטוב ווען טרערן פון שמחה רינען פון מיינע אויגן אן קיין אפשטעל, איך קען אליינ'ס נישט גלייבן וואס עס האט זיך אפגעשפילט די לעצטע פאר וואכן, און איך שפיר פאר א פליכט צו שרייבן דער בריוו, ערשטנס כדי אפצוגעבן א יישר כח פארן חשוב'ן מכון 'האיגוד העולמי להפצת תורת הזרע שמשון' פארן זיין די ריכטיגע שלוחים, און אזוי אויך צו מזכה זיין נאך אידישע קינדער מיט מיין געוואלדיגע ישועה וואס איך האב זוכה געווען.

**איך** בין 41 יאר אלט, און איך האב ב"ה א שטוב פון אכט קינדערלעך בלעה"ר, ברוך ה' מיין לעבן איז געפארן זייער רואיג צוזאמען מיט מיין מאן, מיין מאן האט איינגעברענגט פרנסה און איך בין געווען פארנומען אויפהאדעווען די קינדער, אזוי האט זיך דאס לעבן געפירט רואיג און געמיטליך על מי מנוחות.

**מיט** עטליכע יאר האט פאסירט א שווערע טראגעדיע וואס האט אויפגעשטורמט מיין לעבן, מיין חשוב'ע מאן איז פלוצלונג נפטר געווארן אינמיטן די שיינע בליענדע יארן פון זיין לעבן, עס איז נישט מעגליך צו באשרייבן און ארויסגעבן די שווערע געפילן וואס איך בין דעמאלטס אריבער.

**אויף** יעדע טריט און שריט האב איך געשפירט מיין ווייטאגליכע פארלוסט, דערצו ווען עס איז געקומען צו דער עול פון פרנסה וועלכע איז מיטאמאל ארויפגעפאלן אויף מיינע שוואכע פלייצעס, וואס האט נאך מער פארשווערערט מיין לעבן.

**זייענדיג** פארנומען א גאנצע צייט מיט מיין קינדער געבענטשטע פאמיליע איז מיר נישט געווען מעגליך אויך ארייננצוברענגען פרנסה וואס זאל זיין גענוג צו שטיין אויפן פוס, און איך האב זיך געטרייסט אז דאס וועט נישט אנהאלטן צו לאנג און איך וועל מיט אויבערשטנ'ס הילף ווידעראמאל חתונה האבן, אזוי וועל איך קענען ווייטער אויפברענגען די שטוב מיט מיינע אכט קינדער אויף דער בעסטע אופן וואס איז שייך אין די אומשטענדן.

**אין** אנהייב האב איך געמיינט אז דאס וועט זיין א לייכטע זאך, עס וועט נישט נעמען לאנג און איך וועל קענען נאכאמאל חתונה האבן בשעה טובה ומוצלחת. אבער ווי מער איך האב זיך ארייגעטון אין די נושא האב איך געזען אז דאס איז ווייט פון א פשוט'ע זאך, דאס איז בכלל נישט קיין שנעלע מעשה, איבערהויפט ווען עס קומט צו דער פאקט אז איך האב אכט קליינע קינדער אין שטוב, וואס דאס האט פילפאכיג פארשווערט דאס טרעפן א פאסנדע שידוך.

**די** צייט האט זיך געצויגן, ביז דערווייל האבן די שדכנים אויפגעגעבן און אויפגעהערט צו רופן, און איך האב אנגעהויבן זיך צו מייאש זיין אז איך וועל נאכאמאל קענען חתונה האבן איידער איך וועל חתונה מאכן אלע מיינע קינדער.

**איך** האב געשפירט ווי מיין לעבן איז מיר חרוב געווארן, פון איין זייט דארף איך ווייטער אויפהאדעווען מיינע קינדער, און זיי געבן גייסטישע און פיזישע כוחות, און פון די צווייטע זייט האב איך אויף מיר דער עול פון פרנסה, און איך זע ניטאמאל א שטראל פון האפנונג פון וועלכע ריכטונג די ישועה וועט קומען.

- פארזעצונג קומענדיגע וואך בס"ד -

**די טויערן פון ישועות זענען אפן**

**אויב ווילט איר מען זאל מתפלל זיין פאר אייך, פאר סיי וואספארא ישועה איר נויטיגט זיך, נאכן גרויסע שיעור ברבים אינעם הייליגן ספר זרע שמשון**

**וואס קומט פאר יעדן ליל שישי ברוב עם צוזאמען מיט אמירת תהלים אין ירושלים תובב"א**

קענט איר זיך פארבינדן

**347-496-5657**

**אדער 05271-66450**

**דער הייליגער צדיק וועט אייך נישט שולדיג בלייבן**

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדן צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

**אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'**

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון
מתוך הבטחת וברכת המחבר: ...

זרע שמשון ע"ר 580624120

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**